בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' | חיי שרה | י"ח חשון | תשע"ב | פסחים: קי"א.

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – סניף דברי יואל ווי דער רבי שליט"א האט נאכ'ן דאווענען געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

היינט אויפדערנאכט וועט אי"ה מרן רבינו שליט"א אויפנעמען אנ"ש בביתו נאוה קודש אין וויליאמסבורג פון 8:00 אזייגער ביז 11:00 אויפדערנאכט.

## אנ"ש תושבי וויליאמסבורג זיך אונטערנעמען "שטרי התחייבות" לטובת "קופת אבני חסד"

### ביי מסיבה רבתי דינסטאג ויצא הבעל"ט אין וויליאמסבורג

פילצאליגע אנשי שלומינו וועלן אי"ה ברב עם זיך אונטערנעמען "שטרי התחייבות" אין שטיצע פאר "קופת אבני חסד", ביים מסיבה רבתי לטובת הקופה אין וויליאמסבורג, וואס וועט אי"ה געפראוועט ווערן קומענדיגן דינסטאג פר' ויצא הבעל"ט, אין ביהמ"ד המפואר שע"י קהלתינו הק'.

דורכאויס די מסיבה וועט כ"ק מרן רבינו שליט"א, דער פטרון הקופה, וויילן בחדרו הפרטי סמוך ונראה צום ביהמ"ד, וואו דער רבי וועט אויפנעמען דעם ציבור נדיבי לב, וועלכע וועלן זיך אונטערשרייבן "שטרי התחייבות" לטובת הקופה, אדער אויסצאלן פולקאם די ערווארטעטע סומע, וואס די הנהלה קוקט ארויס אז דער עולם זאל זיךביישטייערן.

דער קאמפיין פון אונטערשרייבן "שטרי התחייבות" איז די טעג געעפנט געווארן דורך די הנהלת הקופה, אין וועלכן זיי פאדערן אויף דעם ציבור סאטמארער חסידים, זיך אנצושליסן אין די פעולות הקופה, מיטן זכות פון "כתר מלכות" בשותפות, דאס הייסט מען זאל אויסצאלן א פינפטל חלק שותפות אין א חתן שטריימעל, וואס ווערט פארטיילט פאר נצרכים בעת שמחתם.

דאס הייסט, די ווערד פון א "כתר מלכות" חתן שטריימעל איז $1,250, קומט אויס אז דער זכות פון "כתר מלכות" בשותפות באטרעפט די סומע פון $250.

אט די דאזיגע סומע, פאדערט אויף די הנהלת הקופה, אז כל הפוחת לא יפחות, יעדער פונעם ציבור זאל זיך אנרופן די דאזיגע מינימאלע סומע. אויב נישט דאס גאנצע אויפאמאל, דאן זאל מען זיך

אונטערשרייבן א "שטר התחייבות", אז מען נעמט זיך אונטער במשך פונעם יאר עס צו באצאלן.

דער אורזאך פאר די דאזיגע אויפפאדערונג, איז די באקאנטע נייע איינפיר פון די הנהלת הקופה, צו פארטיילן פאר נצרכים אנשטאט א געלט שטיצע, א "כתר מלכות" שטריימעל קיופאן אין ווערד פון $1,250.

אבער ווי פארשטענדליך דארף די קופה האבן פון וואו צו באצאלן פאר די קאסטן פון די שטריימלער, וועלכע גרייכט יעדע באזונדער צו די סומע פון $1,250.

דערפאר פאדערט איצט אויף די הנהלת הקופה אז אלע סאטמארער חסידים זאל זיך אנרופן מיט די מינימאלע סומע פון $250, כדי צו ערמעגליכן די ווייטערדיגע שטיצע פון די קופה פאר נצרכים בעת שמחתם, סיי צו קענען באצאלן די שטריימלער פאר ניו יארק'ער מחותנים מצד החתן, און סיי צו קענען פינאנצירן אנדערע אופנים פון שטיצע, פאר אידן וואס דארפן צוקומען צו הילף.

די הנהלה קוקט ארויס אז דורכאויס דעם וויליאמסבורגן קאמפיין זאל ארייננקומען די הוצאות פון 72 שטריימלער, כמנין חס"ד, וואס איז א חלק ניכר פון די ארום 250 שטריימלער, וואס זענען ערווארטעט צו פארטיילט ווערן פאר נצרכים במשך פון יאר.

די הכנסה פון 72 שטריימלער, וואס באטרעפט ארום 90 טויזנט דאללאר, און ווערט ערווארטעט פונעם וויליאמסבורג'ער קאמפיין, איז געצילט עס זאל דעקן די אויסגאבן פונעם איצטיגן חתונה-סעזאן: חשון-כסלו-טבת, וואס איז א העפטיגע חתונה סעזאן מיט מערערע אידישע שמחות בליע"ה, און אסאך אידן דארפן ליידער צוקומען צו הילף.

אלזא איז צו ערווארטן אז דער ציבור סאטמארער חסידים וועט אקעגנקומען דעם קאמפיין און זיך אנרופן ביד רחבה וברוח נדיבה, אויסצוצאלן אויפן ארט די סומע פון "כתר מלכות" בשותפות – $250, אדער זיך אונטערנעמען די "שטרי התחייבות", אויסצוצאלן די זעלבע סומע במשך פון יאר.

***-הכונו למסיבה רבתי לטובת "קופת אבני חסד" ג' ויצא הבעל"ט-***

## הכנות אין לאנדאן צו די מסיבה לטובת דעם אנטווערפן'ער כולל

אין די יעצטיגע טעג זענען אנגעקומען קיין לאנדאן יצ"ו די שלוחא דרחמנא פונעם הערליכן מבצר התורה "סאטמארער כולל אין אנטווערפען", ובראשם דער ראש הכולל הגה"צ רבי ישכר בעריש קאהן שליט"א, צו קלאפן על פתחי אנ"ש אחים לדעה תומכי ומוקירי תורה ארויסצוהעלפן דעם כולל אינעם שווערן מצב.

ווי געמאלדן וועט די יערליכע מסיבה אי"ה פארקומען דעם דאנערשטאג פ' חי' שרה אין שטוב פון ידידינו הנכבד והמרומם מוה"ר חיים אברהם בערנשטיין הי"ו, ווי מאסן תומכי ומוקירי תורה וועלן שטראמען צו מחזק זיין און שטיצן דעם שיינעם מקום תורה. אנשי שלומינו ווערן געבעטן זיך אנצורופן ווארעם, ועץ חיים הוא למחזיקים בה.

***-ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת-***

# קביעות מזוזה אין בנין הת"ת החדש אין מאנטשעסטער

דעם פארגאנגענעם וואך איז בשטומ"צ פאהרגעקומען דער מעמד קביעות מזוזה צום נייעם בנין הת"ת פון מוסדותינו הק' אין מאנטשעסטער בהשתתפות אנשי שלומינו הורי התלמידים, חברי הנהלה, און רבני העיר שליט"א ובראשם דער מרא דאתרא מאנטשעסטער רב שליט"א און הגה"צ אבד"ק קהלתינו שליט"א וועלכע האבן קובע מזוזה געווען און דערנאך איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים.

אין די טעג גרייט מען זיך צום גרויסארטיגען חומש סעודה פון תלמידי כיתה א' פון די מוסדות הק' וועלכער וועט אי"ה פאהרקומען דעם קומענדיגן זונטאג הבעל"ט אין די בנות ישראל זאל מיט די באטייליגונג פון די עלטערן אונזיידע'ס פון די קינדער שיחיו.

***-מחיל אל חיל-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.